בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# גוּט שַׁבָּת

דֶער קוּנְטְרֵס עֶרְקְלֶערְט וִוי אַזוֹי צוּצוּגֵיין צוּם הֵיילִיגְן שַׁבָּת, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם וָואס הִיט שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן הִיט אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלוֹת פוּן זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן מְהַנֶה זַיין דֶעם שַׁבָּת מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "שַׁבָּת שָׁלוֹם" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# גוּט שַׁבָּת

## א

## שַׁבָּת אִיז דִי בֶּעסְטֶע מַתָּנָה

אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אֵיין טָאג אִין וָואךְ וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ פְּרֵייעֶן אוּן הַנָאָה הָאבְּן, וֶוען מִיר זָאלְן עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת אוּן שֵׁיין פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי פַאמִילְיֶע. אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם

גֶעשְׁמַאקְן טָאג פוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועט עֶר אוּנְז נָאךְ בַּאצָאלְן פַּאר דֶעם מִיט פִילֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת י:) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר משֶׁה רַבֵּינוּ אַז עֶר הָאט אַ גוּטֶע מַתָּנָה בַּאהַאלְטְן אִין זַיינֶע אוֹצְרוֹת, דָאס אִיז דֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן עֶר וִויל דָאס גֶעבְּן פַּאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז דִי בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן נָאר גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען.

עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט פוּן צַדִיקִים אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרַיין אִין דִי מִצְוָה, אֲפִילוּ מִיט דִי שְׁטִיוְול. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן דֶעם, וַוייל בַּיי דִי סוּכָּה דַארְף נָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס טוּן דֶערְצוּ, עֶר דַארְף זִיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן

אַרײַנְגֵיין אִין דִי סוּכָּה, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּם שַׁבָּת קוֹדֶש אִיז פַארְקֶערְט, דֶער מֶענְטְש דַארְף גָארְנִישְׁט טוּן, עֶר דַארְף בְּלוֹיז זִיךְ צוּרִיקְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין מְלָאכוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן אִין שַׁבָּת, עֶר קֶען זִיצְן אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן גָארְנִישְׁט טוּן, אוּן בְּלוֹיז מִיט דֶעם אִיז שׁוֹין דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְש אַרײַן אִינֶעם שַׁבָּת קוֹדֶש, דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת שַׁיינְט אוֹיף אִים, עֶס מַאכְט אִים זִיס דָאס לֶעבְן, דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶועט אִים שׁוֹין גֵיין גְרִינְג אוּן גוּט, בְּלוֹיז מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט טוּן אוּם שַׁבָּת.

אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט (יִתְרוֹ פ"ח:) "שַׁבָּת שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא", שַׁבָּת אִיז דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר

דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (רַבָּא, פֶּרֶק כ״ו) שְׁטֵייט אַז דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם שַׁבָּת, אוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז אֵיין זַאךְ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַׁבָּת, וֶוערְט עֶר אֵיינְס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ, עֶר וֶוערְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד קֶען זִיךְ נָאר וואוּנְטְשְׁן.

דֶערְפַאר, טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, זֶע זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, צוּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת אוֹיפְ׳ן בֶּעסְטְן אוּן שֶׁענְסְטְן פַארְנֶעם, צוּ אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם שַׁבָּת אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט אוֹיף אַ חָשׁוּבֶער גַאסְט, צוּצוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת אַזוֹי וִוי מֶען

גְרֵייט צוּ פַאר אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג. שׁוֹין גָאר פְּרִי דַארְף מֶען אָנְהוֹיבְּן אָנְצוּגְרֵייטְן אוֹיף שַׁבָּת, חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קי״ז:) ״לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם לְהוֹצָאַת שַׁבָּת״, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרַייטָאג גָאר פְּרִי אוּן צוּגְרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת. דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען לֵייגְט אַלֵיין צוּ אַ הַאנְט, מֶען קוֹיפְט אַיין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, מֶען קָאכְט אוּן מֶען בַּאקְט גוּטֶע מַאֲכָלִים פַארְ׳ן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן מֶען מַאכְט זִיכֶער אַז דִי הוֹיז אִיז שֵׁיין אוֹיפְגֶערוֹימְט צוּ אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת אוֹיפְ׳ן שֶׁענְסְטְן אוּן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם.

וֶוען עֶס קוּמְט אַיינְצוּקוֹיפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קַארְג, מֶען דַארְף אַיינְקוֹיפְן מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע, וַוייל פוּן דֶעם וָואס מֶען קוֹיפְט אוּן מֶען גֶעבְּט אוֹיס גֶעלְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, פַארְלִירְט מֶען

גָארְנִישְׁט. חֲזַ״ל זָאגְן (בֵּיצָה ט״ז.) ״כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם כִּיפּוּר, חוּץ מֵהוֹצָאוֹת שַׁבָּתוֹת״, אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ פַּאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פּוּנְקְטְלִיךְ וִויפִיל גֶעלְט עֶר וֶועט פַּארְדִינֶען אִין לוֹיף פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר, אוּן דֶער בּוּדְזְשֶׁעט וֶוערְט אָפְּגֶעזִיגְלְט אוּם יוֹם כִּיפּוּר, אוּן דָאס קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט טוֹישְׁן, וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען, וֶועט עֶר נָאר הָאבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט וִויפִיל מֶען הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיבְּן. אוֹיסֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט אוֹיס גֶעלְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, דָאס אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִין דֶעם סְכוּם, וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט נָאר אוֹיסְגֶעבְּן לְכָבוֹד שַׁבָּת, וֶועט עֶס גָארְנִישְׁט פַּארְמִינֶערְן פוּן וִויפִיל עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן.

דֶערְפַאר וֶועט אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ זֶען אַיינְצוּקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת מִיט אַזָא גְרוֹיסֶע שֶׁפַע, אַז

עֶס זָאל שוֹין בְּלַייבְּן פוּן דֶעם אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע
וָואךְ, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ אוֹיב עֶס אִיז חַס וְשָׁלוֹם
אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן מֶענְטְש אַז עֶר זָאל דַארְפְן לַיידְן
פוּן אָרִימְקֵייט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן
וָואס צוּ עֶסְן, אוֹיב אָבֶּער הָאט עֶר אַיינְגֶעקוֹיפְט דָאס
עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז דָאס נִישְׁט
אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִין דִי גְזֵירָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער
אַלֵיין גֶעבְּט דָאס גֶעלְט אַז מֶען זָאל קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן
אוֹיף שַׁבָּת, דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (בֵּיצָה ט"ו:) "לְווּ עָלַי
וַאֲנִי פּוֹרֵעַ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז מֶען קֶען
אֲפִילוּ בָּארְגְן גֶעלְט אוֹיף אַיינְצוּקוֹיפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת,
אוּן עֶר וֶועט דָאס בַּאצָאלְן.

## ב

## זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן דָאס הוֹיז אוּן מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן פֵיינֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט אַסאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד אַז מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן רוּאִיגֶערְהֵייט, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן (גִיטִין נ״ב.) אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע מִשְׁפָּחָה וָואס דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט דָארְט אָנְצוּזֵייעֶן אַ מַחְלוֹקֶת, יֶעדְן פְרַייטָאג פְלֶעגְט מֶען זִיךְ קְרִיגְן דָארְט אִין הוֹיז. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי מֵאִיר אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן עֶר אִיז

דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַּאר דְרֵיי פְּרַייטָאגְס, אוּן פַאַרְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען רֶבִּי מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים הָאט נִישְׁט גֶעפַּאסְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אַזוֹי אִיז דוּרְךְ דִי דְרֵיי פְּרַייטָאגְס בְּשָׁלוֹם אָן קַיין קְרִיגֶערַיי, אוּן דַאן הָאט מֶען גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שָׂטָן וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז מִיר אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעפִירְט פוּן דֶעם הוֹיז".

דֶער שָׂטָן הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דַוְקָא נָאר יֶענֶעם הוֹיז צוּ מַאכְן דָארְט מַחְלוֹקֶת יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, נָאר עֶר מַאכְט זִיכֶער אַרוּמְצוּגֵיין אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער יֶעדְן פְּרַייטָאג אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָארְט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל זַיין בַּאבְּלָאזְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם

שַׁבָּת מִיט כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת זָאל שׁוֹין זַיין צֶעשְׁטֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

פַּארְוָואס טוּט עֶר דָאס? פַּארְוָואס גֵייט אַזוֹי אִין לֶעבְּן פַּארְ׳ן שָׂטָן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פְּרֵיילִיךְ אִין אַ אִידִישׁ הוֹיז אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וֶוער סְ׳אִיז פְּרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶועט אִים שׁוֹין גֵיין גוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ נָאכְדֶעם, עֶר וֶועט הָאבְּן אַן הַצְלָחָה׳דִיגֶע וָואךְ סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן דָאס גוּט מַזָל וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וואוּ עֶר וֶועט נָאר גֵיין אוּן וָואס עֶר וֶועט נָאר טוּן.

דֶער שָׂטָן פַּארְגִינְט דָאס נִישְׁט פַּארְ׳ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר זִיכֶער מַאכְן אַז דֶער פְּרַייטָאג זָאל זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אַזוֹי וֶועט שׁוֹין דֶער שַׁבָּת אוֹיךְ מִיטְגֵיין מִיט דִי קְרִיגֶערַייעֶן אוּן כַּעַס, אוּן דַאן הָאט

עֶר שׁוֹין אָפְּגֶע׳שָׁחְטְ׳ן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵין תִּקוּנֵי זֹהַר, דַף קכ״ה) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ל״ה, ג׳) ״לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַׁבָּת״, דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָנְצִינְדֶען קַיין פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לֵייגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר צוּ צוּ דֶעם נָאךְ אֵיין וָוארְט, ״לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ, הַכַּעַס״, זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדֶען דָאס פֵייעֶר פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת נָאךְ מֶער וִוי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר, כַּעַס אוּם שַׁבָּת בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין גוּטֶע מַזָל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים פִילֶע לַיידְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; אַ אִיד אַרְבֶּעט שְׁוֶוער דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּם פְרַייטָאג אוּן אִין שַׁבָּת, דַארְף עֶר אַבִּיסְל מְנוּחָה, אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט, אוּן עֶר קֶען זִיךְ גְרִינְג אוֹיפְרֶעגְן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל. וָואס טוּט אָבֶער נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, פַאר הַצְלָחָה, פַאר גֶעזוּנְט. וֶוען אַ אִיד זָאל גוּט וִויסְן אַז זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין זַיין שַׁבָּת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועט זַיין גַאנְצֶע וָואךְ אִים גֵיין גוּט, וֶועט אִים דַאן זַיין גְרִינְגֶער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן כַּעַס, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן. אַדְרַבָּה עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט מַאכְן

פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ און קִינְדֶער, און דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ רוּאִיג און וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס קַיין אֵיין טָאג נִישְׁט, און זִיכֶער נִישְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּנֶעם שַׁבָּת אִיז וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

## ג

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִיטְן שַׁבָּת

מִיר קֶענֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַׁבָּת, בְּלוֹיז מִיט דֶעם וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן אָנְצִינְדֶען אַ פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת, עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק

פוּן פָּארְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, עֶר נוּצְט נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן אוּם שַׁבָּת, עֶר רֵייכֶערְט נִישְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הִיט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן צוּ טוּן סַיי וֶועלְכֶע מְלָאכָה וָואס מֶען טָאר נִישְׁט אוּם שַׁבָּת; בְּלוֹיז מִיט דֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן אִין זַיין לֶעבְּן.

חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ב׳, ח׳) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי י׳, כ״ב) ״בִּרְכַּת ה׳ הִיא תַעֲשִׁיר, זוּ שְׁמִירַת שַׁבָּת״, וֶוען אַ אִיד הִיט שַׁבָּת קוּמְט אוֹיף אִים אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן הַצְלָחוֹת אִין לֶעבְּן, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ רוּאִיגֶער אוּן פְּרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אַלֶעס הוֹיבְּט אִים אָן גֵיין גוּט. בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ צָאלְן חוֹבוֹת, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַלֶע

סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת אוּן דֶער אִיד הִיט דֶעם שַׁבָּת ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ז:) "כָּל הַמְעַנֵג אֶת הַשַׁבָּת, נוֹתְנִין לוֹ נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים", מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְעַנֵג דֶעם שַׁבָּת אוּן מֶען הִיט שַׁבָּת, וֶוערְט אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת, אוּן עֶר בַּאקוּמְט גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף אַ גוּטְן גֶעשְׁמַאקְן אוֹפָן.

חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ח:) "כָּל הַמְעַנֵג אֶת הַשַׁבָּת, נוֹתְנִין לוֹ מִשְׁאֲלוֹת לִבּוֹ", דָאס מְעַנֵג זַיין אוּן הִיטְן דֶעם שַׁבָּת בְּרֶענְגְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה כ"ה, ט"ז) "בְּעֵת שֶׁאָדָם שׁוֹמֵר אֶת הַשַׁבָּת, הוּא גוֹזֵר גְזֵירָה וְהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַיְמָהּ", וֶוען אַ אִיד הִיט שַׁבָּת, וֶועט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן אַלֶעס וָואס דֶער אִיד זָאגְט אוּן וָואס דֶער אִיד ווִיל.

וֶוען אַ אִיד הִיט שַׁבָּת, שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ מַמָשׁ ווִי אִין גַן עֶדֶן. שַׁבָּת אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא (עַיֵין בְּרֵאשִׁית רַבָּה י״ז, ז׳), מֶען קֶען מַמָשׁ דֶערְקֶענֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ ווִי זַיין פָּנִים וֶוערְט אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט אוּם שַׁבָּת, עֶר וֶוערְט רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, עֶר בַּאקוּמְט אַ יִשׁוּב הַדַעַת, חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה י״א, א׳) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם אִיד אַז זַיין פָּנִים זָאל לַייכְטְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ גָאר אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ, דֶער אִיד בַּאקוּמְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע נְשָׁמָה יְתֵירָה אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ (בֵּיצָה ט״ז:), עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי גוּט אוּם שַׁבָּת, אוּן דָאס גֶעבְּט אִים דִי כֹּחַ אָנְצוּגֵיין פַאר נָאךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט, וֶוען אַ אִיד פַּאלְט לֵיידֶער אַרָאפּ און עֶר אִיז מְחַלֵל דֶעם שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר טוט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טון אום שַׁבָּת, פִּירְט דָאס אִים אַרָאפּ אִין גֵיהִנוֹם נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, זַיין גַאנְצֶער לֶעבְן וֶוערְט דֶערְבִּיטֶערְט, און עֶס קוּמֶען אוֹיף אִים אַלֶע צָרוֹת און יִסוּרִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְּט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מְחַלֵל שַׁבָּת, אֲפִילוּ הַיינְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֵּית דִין וָואס זָאל קֶענֶען שְׁטְרָאפְן און הַרְגְ'עֶנֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הָאט אָבֶער דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זַיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי דָאס אוֹיסְצוּפִירְן אוֹיךְ אָן אַ בֵּית דִין, אַ מֶענְטְשׁ קֶען חַס וְשָׁלוֹם גֶע'הַרְגְ'ט וֶוערְן אִין אַ קַאר עֶקְסִידֶענְט לֹא עָלֵינוּ, אָדֶער מִיט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מִיתָה מְשׁוּנָה

וָואס אִיז עֶנְלִיךְ צוּ מִיתַת סְקִילָה וָואס דָאס אִיז דֶער עוֹנֶשׁ וָואס מֶען גֶעבְּט פַּאר אַ מְחַלֵל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

חֲזַ״ל רֶעכֶענֶען אוֹיס (שַׁבָּת ל״ג.) דִי הַארְבֶּע עוֹנְשִׁים וָואס קוּמֶען צוּלִיבּ דִי עֲבֵירָה פוּן חִילוּל שַׁבָּת, ״בַּעֲוֹן חִילוּל שַׁבָּת, חַיָה רָעָה רַבָּה, וּבְהֵמָה כָּלָה, וּבְנֵי אָדָם מִתְמַעֲטִים״, וֶוען מֶען אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן קוּמֶען גָאר שְׁוֶוערֶע אוּן הַארְבֶּע עוֹנְשִׁים אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ.

דֶערִיבֶּער, טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לָאמִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער אַז מִיר וֶועלְן אָפְּהִיטְן דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט פוּן אוּנְז, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן בִּיז הַיינְט, סַיי וָואסֶערֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת מִיר הָאבְּן שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִיצְלָן,

לָאמִיר אָבֶּער זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן דַאן וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קי״ח:) ״אַל תִּקְרָא מְחַלְלוֹ, אֶלָּא מָחוּל לוֹ״, וֶוער עֶס הִיט דֶעם שַׁבָּת, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (מְכִילְתָּא, בְּשַׁלַּח) ״מִי שֶׁמְּשַׁמֵּר אֶת הַשַּׁבָּת, מְרוּחָק מֵעֲבֵרָה״, וֶוען מֶען הִיט שַׁבָּת, וֶועט מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

וִוי אִיז נָאךְ דָא אַן עֶרְגֶערֶע פְּלַאץ צוּ וואוּ אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרָאפְּפַאלְן, וִוי צוּ דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן? פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאגְן חֲזַ״ל (שַׁבָּת קי״ז:) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַזוֹי נִידְרִיג אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען דִינֶען עֲבוֹדָה

זָרָה; אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט עֶר הִיטְן שַׁבָּת, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיףְ אוֹיף דֶעם.

מִיטְ'ן הִיטְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶועלְן מִיר וֶוערְן אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן אַלֶע אוּנְזֶער רוּחְנִיוּת'דִיגֶע פְלֶעקְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת, עֶר וֶועט אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים, מִיר וֶועלְן שְׁפִּירְן דֶעם גֶעשְׁמַאק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן שְׁפִּירְן דִי וַוארִימְקֵייט אוּן דִי נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועט דָאס אוּנְז אוֹיףְ הֶעלְפְן מִיט אוּנְזֶערֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, מִיר וֶועלְן גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אוּן עֶס וֶועט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג זַיין נָאר גוּט אוּן פֵיין.

## ד

## דֶער שַׁבָּת טִישׁ

וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז נִישְׁטָא קַיין זִיסֶערֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. וָואס וִויל שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אוּנְז? בְּלוֹיז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן צוּ טוּן מְלָאכוֹת אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן מִיר זָאלְן מְעַנֵג זַיין דֶעם שַׁבָּת, מִיר זָאלְן הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם שַׁבָּת, אַזוֹי וַוייט אַז חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, בְּרֵאשִׁית): ״עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיתִים״ – וֶוען מֶען אִיז מְעַנֵג דֶעם שַׁבָּת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן זַאכְן וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט טוּן, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ שְׁרַייבְּט תִּקוּנִים וִויפִיל

תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן צוּ פַארְרֶעכְטְן יֶעדֶע סָארְט עֲבֵירָה. וֶוען מֶען זָאל אָבֶּער מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן וֶועט מֶען זֶען אַז עֶס נִישְׁטָא גֶענוּג טֶעג אוּן יָארְן אִין לֶעבְן, צוּ קֶענֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶערִיבֶּער וֶוען מֶען נֶעמְט אִין חֶשְׁבּוֹן אַז מִיטְ׳ן מְעַנֵג זַיין דֶעם שַׁבָּת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים, אִיז דָאס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ. מִיט אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ קֶען מֶען זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת, בְּלוֹיז מִיטְ׳ן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם שַׁבָּת אִיז דָאס שׁוֹין אַזוֹי וִוי טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים.

חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קי״ז:) אַז וֶוער עֶס עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וֶוערְט גֶעַראטֶעוֶועט פוּן דְרֵיי סָארְט שְׁטְרָאפְן; פוּן חֶבְלֵי מָשִׁיחַ, פוּן גֵיהִנוֹם אוּן פוּן מִלְחֶמֶת גוֹג וּמָגוֹג.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֶען טַאקֶע צוּ עֶסְן אַלֶע דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט (יִתְרוֹ, דַף פ״ח.) אַז אַ אִיד וָואס עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, אִיז זַיין אֱמוּנָה גַאנְץ. לֵיידֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד זִיךְ צוּ וַואשְׁן צוּ שָׁלשׁ סְעוּדוֹת. וֶוען מֶען טְרַאכְט אָבֶער אַריין וִויפִיל גוּטֶע זַאכְן מֶען בַּאקוּמְט דֶערְפַאר, דַאן אִיז דָאס שׁוֹין פִיל גְרִינְגֶער, מֶען וֶועט זִיךְ יָא אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ צוּ וַואשְׁן אוּן עֶסְן כָאטְשׁ אַ כְּזַיִת צוּ מַשְׁלִים זַיין אַלֶע דְרֵיי סְעוּדוֹת פוּן שַׁבָּת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע הַבְטָחוֹת.

דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת קֶען אַ אִיד אוֹיסְנוּצְן אַריינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ בַּא׳טַעַמְ׳קֵייט אִין זַיין שְׁטוּב, עֶר קֶען אוֹיפְלֶעבְן זַיין הוֹיז אוּן עֶס

מַאכְן פַאר אַ גַן עֵדֶן, אויב פִּירְט עֶר שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת.

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה און מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

אָבֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן און רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, און אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז דִי

בִּיסְל צַייט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וָואס מֶען הָאט מִיט דִי קִינְדֶער זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ טָעוּת מִיט דֶעם וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן בְּלוֹיז דִבְרֵי תּוֹרָה צוּ זָאגְן בַּיים טִישׁ, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט אַלֶעמָאל קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין תּוֹרוֹת, זֵיי לֶערְנֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶענוּג אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ ווִילְן דִי קִינְדֶער הֶערְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, זִינְגֶען שֵׁיין צוּזַאמֶען, זֵיי ווִילְן אֵיינֶער זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי ס'אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר וָואךְ, אוּן מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד קֶען אַ טַאטֶע מְחַיֶה זַיין אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חִיוּת אוּן לֶעבְּהַאפְט אִין דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע, בְּלוֹיז מִיט דִי שַׁבָּת טִישְׁן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, ווִידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶועזְן אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶועזְן אַזוֹי גֶערָאטְן, יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶועזְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי וִוי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט

מֶער פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר וִויכְטִיג הָאבְן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. דֶעריבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַּאר דִי ווּאוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן אַוֶועקְגֶעבְן צַייט פַּאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים צוּ זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

## ה

# אֲפִילוּ אָן קַיין גֶעפִיל

וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, בְּרֶענְגְט דָאס גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת פַאר'ן מֶענְטְשׁ, מֶען פִילְט אַ שִׂמְחָה אוּן אַ פְרֵייד אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַׁבָּת. אֲפִילוּ אָבֶער וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם גוּטְן גֶעפִיל, מֶען שְׁפִּירְט בִּכְלַל נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער גְלִיק פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן. אַ מֶענְטְשׁ קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן אוֹיף וֶועלְכֶע מַדְרֵיגָה עֶר שְׁטֵייט, אַמָאל קֶען עֶר פִילְן בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין שַׁבָּת, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר דַאן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי״ע הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט

אויפְ׳ן וֶועג צו זַיין רֶבִּי׳ן אויף יום טוב פֶּסַח, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זיך דֶער וָואגְן צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אַז מֶען זָאל פַארְרֶעכְטְן דֶעם וָואגְן, און אִינְצְוִוישְׁן אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט און עֶר הָאט גֶעמוּזְט נֶעכְטִיגְן אִינְמִיטְן וֶועג. עֶס אִיז שׁוין גֶעוֶוען עֶרֶב פֶּסַח און עֶר אִיז נָאך גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פון לובְּלִין, עֶר הָאט זיך זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט מוּזְן בְּלַייבְּן אויפְ׳ן וֶועג אויף יום טוב, עֶר וֶועט מוּזְן בְּלַייבְּן אִין אַ דֶערְפְל, און וֶוער וֵוייסְט אויב עֶר וֶועט הָאבְּן מַצוֹת און אַלֶע אַנְדֶערֶע גֶעבְּרויכְן אויף יום טוב.

לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר טַאקֶע גֶעבְּלִיבְּן אִין אַ קְלֵיין דֶערְפְל אויף יום טוב, עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט מַעֲרִיב אִינֶעם אָרְטִיגְן שׁוּל, און עֶר הָאט גֶעהַאט גְרויס הַארְצְוֵוייטָאג אַז עֶר מוּז בְּלַייבְּן אִין אַ פַארְוָוארְפְן

דֶערְפְל מִיט פָּשׁוּטֶע דָארְפִישֶׁע אִידְן, אִין דִי צַייט וָואס עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט יֶעצְט זַיין בַּיי זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן אִין לוּבְּלִין.

נָאכְ׳ן דַאוֶונֶען הָאט אִים אַ דָארְפְּ׳ס-אִיד אַיינְגֶעלַאדֶענְט צוּם סֵדֶר, קַיין צְוֵויי בְּרֵירוֹת הָאט עֶר סַיי וִוי נִישְׁט גֶעהַאט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּם סֵדֶר, דֶער אִיד הָאט גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר זֵייעֶר פָּשׁוּט, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען דִי הַגָדָה אוֹיפְ׳ן קוֹל, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ גוּט עִבְרֵי הָאט עֶר עֶס גֶעזָאגְט מִיט אַסַאךְ טָעוּתִים, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר דַארְף דָא זַיין בַּיים סֵדֶר פוּן אַזַא פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס אֲפִילוּ קַיין עִבְרֵי קֶען עֶר נִישְׁט.

דֶער דָארְפְּ׳ס-אִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין חָכְמוֹת, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער אוֹרַח וֵויינְט אַזוֹי בַּיי

דִי הַגָדָה, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין פְרִיעֶר גֶעזֶען וִוי דֶער אוֹרַח הָאט אַזוֹי גֶעוַויינְט בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אוֹרַח אִיז אַ חָשׁוּבֶער אִיד, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז מִסְתָּמֶא וֵויינְט עֶר וַוייל אִין דִי שְׁטִיקְלֶעךְ הַגָדָה זֶענֶען בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען נָאךְ הֶעכֶער דִי הַגָדָה אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַסַאךְ טָעוּתִים, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן פוּן זַיין צַעַר אַז עֶר דַארְף זִיךְ דָא גֶעפִינֶען בַּיי אַזַא פָּשׁוּטְן אִיד, אוּן נָאכְ'ן סֵדֶר אִיז עֶר גְלַייךְ אַנְטְשְׁלָאפְן גֶעוָוארְן פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ.

אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְטְרַאכְטְן, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעטוּן אַז עֶר הָאט אַזוֹי גֶעוַויינְט, עֶר הָאט דָאךְ גֶעהֶערְט אַסַאךְ

מָאל פוּן זַיין רֶבִּי'ן אַז מֶען דַארְף זִיךְ אֵייבִּיג שְׁטַארְקְן, אוֹיב אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם פְּלַאץ אוֹיף יוֹם טוֹב אִיז עֶס זִיכֶער גֶעוֶוען מִיט הַשְׁגָחָה פְּרָטִית וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז בַּיים צְוֵוייטְן סֵדֶר וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין פְרֵיילִיךְ.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, בַּיים צְוֵוייטְן סֵדֶר אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִילְט גָאר שְׁטַארְק דֶערְהוֹיבְּן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַ הֶעכֶערְקֵייט אִינֶעם סֵדֶר.

גְלַייךְ נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט וַוייטֶער אוֹיפְן וֶועג צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוֹיף לוּבְּלִין. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה אוֹיפְגֶענוּמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וואו בִּיסְטוּ גֶעוֶוען בַּיים עֶרְשְׁטְן סֵדֶר? דַיין סֵדֶר הָאט גֶעלָאכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן". דֶער תַּלְמִיד רוּפְט זִיךְ אָן: "דֶער רֶבִּי מֵיינְט זִיכֶער דֶעם צְוֵוייטְן סֵדֶר, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט גָאר דֶערְהוֹיבְּן". "נֵיין נֵיין" - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעעֶנְטְפֶערְט - "אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעמֵיינְט דֶעם עֶרְשְׁטְן סֵדֶר, דַיין עֶרְשְׁטֶע סֵדֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעלָאכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן. וואו בִּיזְטוּ גֶעוֶוען בַּיים עֶרְשְׁטְן סֵדֶר?"

יֶעצְט אִיז שׁוֹין דֶער תַּלְמִיד גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט, עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז בַּיים עֶרְשְׁטְן סֵדֶר הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִילְט אִינְגַאנְצְן פַארְגְרֶעבְּט, עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי נִידְרִיג אוּן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר מוּז פִירְן אַזַא

פָּשוּטֶע סֵדֶר, און אויף דֶעם זָאגְט גָאר דֶער רֶבִּי אַז עֶס הָאט גֶעלָאכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן?

דַאן הָאט אִים זַיין רֶבִּי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דַוְקָא וֶוען אַ אִיד פִּילְט זִיךְ אַזוֹי פָּשוּט און אַזוֹי וַוייט, און עֶר טוּט דִי מִצְוֹת פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשוּטֶערְהֵייט וַוייל אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן, דַאן שַׁיינְט עֶר אִין אַלֶע וֶועלְטְן. וֶוען אַ אִיד שְׁפִּירְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין אַ מִצְוָה, אִיז דָאס נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶער קונְץ אַז עֶר אִיז דָאס מְקַיֵים, דֶער גְרֶעסְטֶער קונְץ אִיז אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שוּם גֶעשְׁמַאק און קַיין שוּם גֶעפִיל, און פון דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן ה׳, דָאס אִיז גָאר חָשוּב און טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶעט מֶען פון דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ אִיד קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וואוּ עֶר שְׁטֵייט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פִּילְט זִיךְ

צֶעבְּרָאכְן און צֶעקְלַאפְּט, קֶען זַיין אַז עֶר אִיז דַאן גָאר הויךְ. דֶערִיבֶּער קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בּוֹיעֶן אויף דִי גֶעפִילְן, מֶען דַארְף הִיטְן שַׁבָּת, טוּן אַלֶע מִצְוֹת פון שַׁבָּת, און דַאן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןן דֶערְצוּ, און דָאס בְּרֶענְגְט שוֹין אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה י"א, ט') "אָמְרָה שַׁבָּת לִפְנֵי הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לְכֻלָם יֵשׁ בֶּן זוּג וְלִי אֵין בֶּן זוּג, אָמַר לָהּ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל בֶּן זוּגֵךְ", דִי אִידְן זֶענֶען אַ פָּאר מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת. יֶעדֶער אִיד קֶען נֶעמֶען דֶעם שַׁבָּת פַאר זַיין פָּאר, זִיךְ שְׁפִּירְן אֵיינְס מִיטְ'ן שַׁבָּת, אוֹיסְנוּצְן דֶעם שַׁבָּת זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן פון דִי טִירְדוֹת און שְׁוֶועריְקֵייטְן פון דִי גַאנְצֶע וָואךְ, און אוֹיסְנוּצְן דֶעם שַׁבָּת זִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת לֵייזְט אוֹיס דֶעם אִיד פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶער גָלוּת, עֶס לֵייזְט אִים אוֹיס פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת און בְּרֶענְגְט אִים אַלֶעס גוּטְס, און צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶועט דָאס אוּנְז אוֹיךְ אוֹיסְלֵייזְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן גָלוּת, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קי״ט:) אַז יְרוּשָׁלַיִם אִיז נִישְׁט חָרוּב גֶעוָוארְן נָאר וַוייל מֶען הָאט לֵיידֶער מְחַלֵל גֶעוֶוען דֶעם שַׁבָּת. אוֹיב אָבֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַׁבָּת זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מ״ו, ז׳) ״אִם מְקַבְּלִין בָּנֶיךָ אֶת הַשַּׁבָּת הֵם נִכְנָסִין לָאָרֶץ״, וֶוען אִידְן נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ הִיטְן דֶעם שַׁבָּת, וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

## אַ תְּפִלָּה צו בֶּעטְן אויף שַׁבָּת

רִבּונוֹ שֶׁל עולָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוכֶה זַיין צו הִיטְן שַׁבָּת קודֶש וִוי עֶס דַארְף צו זַיין, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלום נִישְׁט טון קַיין שום מְלָאכות וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טון אום שַׁבָּת קודֶש, אִיךְ זָאל זִיךְ אָפְּרוּעֶן אום שַׁבָּת, און אִיךְ זָאל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ גוט צוגְרֵייטְן צום שַׁבָּת קודֶש, אִיךְ זָאל אויפְנֶעמֶען דֶעם שַׁבָּת אַזוי וִוי מֶען נֶעמְט אויף אַ חָשׁובְ'ן גַאסְט, אַזוי וִוי מֶען נֶעמְט אויף אַ קֶענִיג, מַיין הויז זָאל זַיין שֵׁיין צַאמְגֶענומֶען און אויפְגֶערוימְט לְכָבוד שַׁבָּת, אִיךְ זָאל אַיינְקויפְן מִיט גְרויס שֶׁפַע אַלֶע גוטֶע זַאכְן אויף

שַׁבָּת, אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט קַארְגְן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַיינְקוֹיפְן לְכָּבוֹד שַׁבָּת, אִיךְ זָאל אַיינְקוֹיפְן אַזוֹיפִיל אוֹיף שַׁבָּת אַז עֶס זָאל נָאךְ אִיבֶּערְבְּלַייבְּן בְּשֶׁפַע אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע וָואךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער שָׂטָן קוּמְט אַרַיין צוּ מִיר אִין שְׁטוּב יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת אוּן עֶר וִויל נָאר מַאכְן אַז מַיין שְׁטוּב זָאל וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נֶערְוֶועז, אַז אֵיינֶער זָאל זִיךְ רֶעגְן אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן, וַוייל עֶר וִויל אַז מִיר זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שַׁבָּת מִיט אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן מִיט כַּעַס. הֶעלְף מִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּיישְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אוּן אַ רוּאִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין מַיין שְׁטוּב דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן

סְפֶּעצִיעֶל אום פְרַייטָאג און אִין שַׁבָּת. הֶעלְף מִיר אַז אִין מַיין שְׁטוּב זָאל מֶען אָנְגְרֵייטְן דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת גֶענוּג פְרִי, אַז מֶען זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם שַׁבָּת מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט, נִישְׁט מֶען זָאל אַרֵיינְפַאלְן אִינֶעם שַׁבָּת דִי לֶעצְטֶע מִינוּט מִיטְ׳ן לֶעצְטְן אָטֶעם.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֵיין דַאוֶונֶען אִין שׁוּל מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אום שַׁבָּת, אִיךְ זָאל פִירְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת טִישְׁן מִיט מַיין פַאמִילְיֶע, מִיר זָאלְן שֵׁיין פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אִיךְ זָאל דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, אִיךְ זָאל שֵׁיין זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע זְמִירוֹת, אִיךְ זָאל זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער און שֵׁיין שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי און זֵיי אוֹיסְפְרֶעגְן וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט זֵייעֶר לֶעבְּן און וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע וָואךְ, מַיינֶע קִינְדֶער

זָאלְן וֶועלְן זִיצְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַן אֱמֶת׳דִיגֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק פוּנֶעם שַׁבָּת טִישׁ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת, אִיךְ זָאל פִּילְן ווִי דֶער שַׁבָּת בְּרֶענְגְט מִיר נֶענְטֶער צוּ דִיר, דֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ זָאל שְׁטַארְקְן מַיין אֱמוּנָה אַז אִיךְ זָאל נָאר גְלֵייבְּן אִין דִיר אַז דוּ פִּירְסְט יֶעדֶע רִיר פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקְסְטֶע זַאךְ צוּ וָואס אַ אִיד קֶען נָאר צוּקוּמֶען. אָבֶער, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִינֶעם שַׁבָּת, זָאל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין, אִיךְ זָאל אוֹיסְפִירְן דַיין הֵיילִיגֶע בַּאפֶעל אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם גֶעפִיל דֶערִין, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם

נִישְׁט אָנְרִירְן מַיין טֶעלֶעפָאן אום שַׁבָּת, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פָארְן אום שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֵייכֶערְן אִינֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת, און אַזוֹי וַוייטֶער זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אָפְּצוּהִיטְן אַלֶע הֲלָכוֹת פוּנֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת אום שַׁבָּת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שָׁלֹש סְעוּדוֹת, וֶוען אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֶעמָאל אַזוֹי הוּנְגֶעִריג, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט אַזוֹי אַפֶּעטִיטְלִיךְ זִיךְ צוּ וַואשְׁן צוּ אַ סְעוּדָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאל אִיךְ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ צוּ וַואשְׁן און עֶסְן כָאטְשׁ אַ כְּזַיִת, און מִיט דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת וָואס קוּמֶען אוֹיף דֶעם וָואס עֶסְט דְרֵיי סְעוּדוֹת אום שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אֱמֶת'דִיג גְלֵייבְּן אִין דֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן אַז וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל יֶעדְן שַׁבָּת אָנְהוֹיבְּן פוּן דָאסְנַיי, אִיךְ זָאל וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָפְּגֶעוִוישְׁט, אוּן אִיךְ קֶען יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ גוּטֶע לֶעבְּן.

הֶעלְף מִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיךְ הִיט שַׁבָּת זָאל דָאס מִיר בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף דִי גַאנְצֶע וָואךְ אוּן אוֹיפְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּט מַזָל, אַלֶעס זָאל מִיר גֵיין גוּט, אִיךְ זָאל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת אוּן הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט לַיידְן פוּן

קַיין שום צַעַר און יִסוּרִים, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער און זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי, און אִיךְ מִיט מַיין פַאמִילְיֶע זָאלְן הָאבְּן אַ לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן, אָמֵן וְאָמֵן.

**הספר הקדוש הזה**
**נדפס לזכות**

**יואל בן ריצא רעכיל נ"י**
**וזוגתו**
**אסתר גיטל בת חיי שרה האדיא תחי'**

**וילדיהם**
**שלמה, אלחנן חיים, מרים העניא זיסל,**
**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**
**רחל לאה, יוסף, מנחם.**

**הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.**

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## מרדכי שאול יעקב בן צביה פערל נ"י
## וזוגתו
## מלכה רחל בת לאה נעמי תחי'

## וילדיהם

נחמה אסתר, חנה פראדל, דבורה גיטל,

בלומא, נפתלי צבי, פייגא ליבא, ישראל יוסף, חיה שיינדל.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברך מפי אל אליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן
כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם צבי בן פיגא נ״י**
**וזוגתו**
**לאה שעניא בת העניא רחל תחי׳**

**וילדיהם**
**רייזל, חיה, רבקה, יוטא.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון.